START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Microfilmed 2005
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION

PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2005-1908.11

Orzeszkowa, Eliza.
S'ibergerisene lid : dramatisher etyud in eyn akt.
Varshe ; Lodz, 1927.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2005- 1908.11

Orzeszkowa, Eliza, 1842-1910.
Piesn przerwana Yiddish
S'ibergerisene lid : dramatisher etyud in eyn akt / [fun] E. Orzsheshka, Z. Pshibilski ; Yudish, M. Frankental. ; lider, Dani'el. 3 oyfl. Varshe ; Lodz : farlag "Di Teater-Velt", 1927.
13 p. ;20 cm.

1. Yiddish drama.--lcsh
I. Przybylski, Zygmunt II. Frankental, M., 1893-1943, tr. III. Poland-Warsaw

ID : NXYH01-B18776 CC: 9114 DCF:
[HBR]
CALL #: /36599

Reduction ratio X 10.0

A GIFT FROM AMERICAN JEWS THROUGH
THE JOINT DISTRIBUTION COMMITTEE
אַ מתנה פון אַמעריקאַנער יידן דורך דעם

ע. אָרזשעשקאַ
ז. פשיבילסקי.

ס'איבערגעריסענע ליד

דראַמאַטישער עטיוד אין איין אַקט

יודיש: מ. פראַנקענטאַל
לידער: דניאל

3 אויפלאַגע

פאַרלאַג / די טעאַטער-וועלט
וואַרשע 1927 לאָדז

קאָמיטעט
ן אמעריקאנער זאנע
אמט

INTED IN POLAND

ע. אָרזשעשקאָ.
ז. פש׳בילסקי.

ס׳איבערגעריסענע ליד

דראמאטישער עטיוד
אין איין אקט

יודיש: מ. פראַנקענטאַל.
לי דער: דניאל

3 אויפלאגע

פאַרלאַג:
„די טעאַטער-וועלט",
וואַרשע — לאָדז.
1927

אלע רעכט פארבלייבען בא'ם איבערזעצער.

אויפפירען אהן א דערלויבעניש פונ'ם איבערזעצער — איז פארווערט.

געדרוקט אין 2000 עקז.
צייכענונג פון י. מיטלער, לאדז.
דרוקעריי מ. ראזען לאדז, פיעטריקאווער 82.

פארשוינען:

טעאפיל וויגריטש.
קיארא — זייער טאכטער.
דודקעוויטש — א שכנה.
אסקאר.
בענעדיקט — א קאמערדינער.

די האנדלונג קומט פאר אין א קליין שטעטל.

די בינע:

אַ גערטענדעל פאַר אַ קליין הײַזעל.

רעכטס—ס'הייזעל, הייס געמאָלט, מיט אַ באַלקאָנדעל אונטערגעשפּאַרט אויף צוויי דרענגלעך, אַרום באַלקאָנדעל און אויף די ווענט פונ'ם הייזעל, היקלען זיך שטרענגלאַך מיט אַרבעס. נעבען הייזעל שטייט אַנ'אַלטע באַנק. אין דער טיף—די גאַנצע לענג — פאַרנעמט אַ צוים מיט ש אַכייטען און אַ טירעל, נאָך וועלכען עס שלענגעלט זיך אַ וועג. בײַ די שטאַכייטען, אַ ביסעל אָבגערוקט אין אַ זייט — אַנ'אַלטאַנע; דער אַרײַנגאַנג לינקס פירט, פון אונטער די קוליסען. עסליכע בלומען־בייטען, בלומען, א. א. וו.

ערשטער אַרויסגאַנג.

קלאַראַ שפּעטער אָסקאַר.

קלאַראַ: (לויפט אַרויס פונ'ם הייזעל מיט אַ קישעל אין האַנט, אין וועלכען ס'ליגט אַ ביכעל, ווייסע לייווענט און אַ שטיקעל ברויט; אָנגעטוען איז זי איינפאַך, אין אַ קליידעל פון פערקאַל. זי רייסט אַראָב אַ בלימעל פון די צווייגלעך, פאַרשטעקט עס אין די האָר; דאָס אַלץ טוט זי פריילין זינגענדיג, צולעצט — איילט זי אין די אַלטאַנע, צולייגט די לייוועגט צום נייען — אין דער טיף גייט פאַרבײַ אונטער די שטאַכייטען אָסקאַר, ער האָט זיך אָבגעשטעלט און שפּעטער דערנעהנטערט צו איר.)

אָסקאַר: (באַגריסט זי מיט'ן הוט) צי קען איך אייך פרעגען פריילין, ווער ס'וואָינט אין דעם שיינעם הייזעל?

קלארא: (אביסעל צומישט) מיר — וואָינען דאָרט. מיין פאָטער, טעאָפיל וויגריטש — איך — און אונזער פאַמיליע.

אָסקאַר: אַ שיין ווינקעל. ווער האָט פאַרפלאַנצט פאַר'ן הייזעל די שיינע געוויקסער, וואָס געבען אים ס'אויסזעהען — ווי געמאָלט? אין די בלומען-בייטען, זענען דאָ אַ סך בלומען?...

קלארא: זיי זענען דא נישט פיל: איך און מיין שוועסטער האָבען נישט צייט זיי צו באַארבעטען.

אָסקאַר: אייער שוועסטער'ל, איז אַודאי עלטער פון אייך.

קלאַרא: פאַרקערט, ז'איז יונגער פון מיר, מיט פיר יאָר.

אָסקאַר: אין די יאָרען —

קלאַרא: פינעפצעהן איז זי אַלט.

אָסקאַר: וואָס טוט איר, פריילין?

קלאַרא: כ'ניי אַ העמדיל, פאַר'ן ברידעריל.

אָסקאַר: און אייער מאַמע —

קלאַרא: (טרויריג) שוין פיר יאָר ווי מיר האָבען נישט אַ מאַמע — זי איז געשטאָרבען. כ'טו יעצט זי פאַרטרעטען.

אָסקאַר: כ'זעה אַ ביכעל ליגען אינ'ם קיישעל. איר האָט פריילין, ליב ליטעראַטור.

קלארא: אָ, כ'האָב ליב לייענען.

אָסקאַר: (שטרעקט אויס די האַנט נאָך דעם ביכעל, וועלכעס קלארא גיט אים מיט אַ געוויסער וואַקעלעניש- עפענט עס) צי האָט איר פריילין, אונטער-געשטראָכען דאָס ליד?

קלארא: (נישט דרייסט) יאָ...

אָסקאַר (לייענט, האַלב אויפ'ן קול)

פאַרטראָג מיין פאַרבענקטע נשמה אין די בערגיגע
וועלדער און פעלדער גרינע,
ווייט — באַ'ם גלאַנציגען ניעמאַן — צו-וואָרפענע.
אין די פאַרביגע פעלדער מיט תבואה אַלערליי,
וואו דער בליהענדער „יאַשמין", רוהט ווייס ווי שניי:
וואו מיט אַ מיידעלישען חן, ליגט דער טוי,
און אַלץ איז באַצירט, ווי מיט אַלענטע אַגרינע...

קלארא: (וואָס האָט אים געהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט, אַז זי באַפרייט זיך פון דעם איינדרוק — פרעגט קאַלט) איר וואָינט ווייט פון דאַנען, מיין הער?

אָסקאַר: זעהר נאָהענט... כ'בין יוליוס פושיעמסקי, און וואוין אין דעם גרויסען-הויז. (ווייזט מיט דער האַנט אונטער די קוליסען)

קלארא: כ'האָב גערעכענט, אַז אין דעם פאַלאַץ וואוינט קיינער נישט.

אָסקאַר: ביז אַהער, האָט אַ חוץ די דינערשאַפט קיינער אין דעם הויז נישט געפינען זיך, נאָר נעכטען איז געקומען אויף אַ צייט צופאָהרען זיין אייגענטימער.

קלארא: דער פירשט?

אָסקאַר: יאָ. כ'בין אַנ'אַריינגייער און אויך דער נאָהענטסטער פריינט פונ'ם פירשט.

קלארא: איז דער פירשט נאָך יונג?

אָסקאַר: יאָ, און ניין — ר'לעבט ערשט זייט אַ קורצע צייט, נאָר ר'האָט שוין אַ סך מיטגעמאכט...

קלארא: אָ, כ'שטעל מיר פיר וויפיל גליק און פאַרגניגען, ער האָט שוין געהאַט אין זיין לעבען.

אָסקאַר: איר רעכענט אַזוי?

קלארא: גאַנץ באַשטימט. זייענדיג אַזוי רייך קאָן ער שטענדיג טוען דאָס, וואָס אים געפעלט.

אָסקאַר: זיין אומגליק באַשטייט אין דעם, וואָס אַ סך זאַכען האָבען אויפגעהערט אים צו געפעלען.

קלארא: דאָך, זענען דאָ שטענדיג שיינע זאַכען — דער פירשט קענענדיג אַזויפיל שאַפען, דאַרף זיין זעהר גליקליך...

אָסקאַר: וואָס מיינט איר?

קלארא: (ווייזט מיט דער האַנט אין דער סיף) אָט, צום ביישפיל, אַזאַ גאָרטען. גאָט מיינער, וויפיל מאָל זייענדיג דאָ, האָב איך געטראַכט: וואָס פאַר אַ גליק איז'ס צו זיצען אונטער אַזעלכע ביימער, באַטראַכטען די ווינדער-שיינע בלומען; איר ווייסט, אַז אינ'ם פריילינג איז דאָ אויף די ערד אַזויפיל פיאַלקעס, אַז דאָס גראָז פאַרשווינט כמעט אונטער זיי און איר האָט פאַר זיך אַ פיאָלעט-בלויע - וועלט — דער אַראָמאַט טראָגט זיך פון זיי אַזאַ שטאַרקער, אַזש ביז אונזער הויז דערגרייכט עס.

אָסקאַר: איר זענט זעהר פיהלבאר אויף נאַטור-שיינקייט... איר מוזט אייך זעהר גליקליך פיהלען, זייט איר וואָינט אין דעם הויז?

קלארא: נישט אינגאַנצען... ווייל, כ'בין זעהר נישט רוהיג איבער'ן געזונט פון מיין פאָטער, און די צוקונפט פון די קינדער...

אָסקאַר: און פון אייער?

קלארא: (פאַרחידעדערט) פון מיין?... וואָס קען מיט מיר געשעהען?!... כ'בין שוין אַ דערוואַקסען מיידעל און אין יעדען פאַל קען איך מיר אַליין העלפען.

אָסקאַר: זענט איר גליקליכער ווי דער פירשט, ער קען נישט שטענדיג אַנ'עצה געבען זיך. ר'ווייס נישט — וואָס זאָל ער טוען מיט אַנ'אַנגעווייטאָגט האַרץ, וואָס ווערט צובראָכען מיט יעדער פרישער מינוט, שעה, רגע; מיט אַ לעבען, וואָס האָט גאָר אַ ציל נישט פאַר זיך...

קלארא: אָרימער! אפשר רעד איך נאָר מיר איין; נאָר דאָך רעכען איך, זייענדיג אויף זיין אָרט, וואָלט איך געוויסט וואָס צו טוען אינ'ם לעבען...

אָסקאַר: וואָס וואָלט איר געטוען?

קלארא: כ'וואָלט מיך אַרויפגעשטעלט אויפ'ן שפיץ פון דעם טורעם — איר זעהט — פון דעם... גאַנץ אין דער הויך וואָלט איך אַרויף,

און די גאַנצע שטאָט אַרומגענומען מיט מיין בליק. כ'וואָלט געזעהען אַלע מענטשען וואָס וואָינען אין איר, ליידען... איר האָט אַמאָל געזעהן: די הייליגע מאַמע, אין קלויסטער די הייליגע מאַדאָנע Notre Dame de Paris? שטייט, און פון אירע ביידע הענט נידערען אַראָב שטראַלען ליכט, וועלכע וועקען, מונטערען אונז אויף, און היטען אָב פון אַל'דאָס שלעכטע — אַז כ'וואָלט געווען אויף דעם פירשט'ס אָרט, וואָלט איך מיך אַרויפגעשטעלט אויפ'ן שפיץ פון טורעם, אַראָבגעלאָזט די הענט, און געגאָסען אוצרות ליכט אויף די ערד — — — אָ, גאָט מיינער, ווי גליקליך וואָלט איך דאַמאָלס מיך געפיהלט! —

שווייגען.

אָסקאַר: כ'פיהל מיך גליקליך, וואָס דער צופאַל האָט דערלויבט, כ'זאָל אייך באַקענען...

קלאַרא: (ליגט אריין די ארבעט אינ'ם קיישעל) שוין צייט, צוגייען אין שטיב אַריין.

אָסקאַר: שוין? צי וועט איר האָטש מיר דערלויבען, אויף אַ מיניט, דאָס ביכעל צונעמען אין מיין האַנט אַריין. — (עפענט דאָס פאָדערבלאַט) „אין דער שווייץ!" סלאָוואַצקי'ס. אַ סך מאָל בין איך געווען אין דעם לאַנד. די פּאָעמאַ קען איך, דאַכט-זיך געלייענט. האַ, און אפשר נישט?...

קלאַרא: מיט פאַרגעניגען.

אָסקאַר: גיט מיר אייער הענטיל, צום געזעגענען. (קלארא גיט אים די האַנט, אַ ביסעל צומישט, און מיט שנעלע טריט לאָזט זי זיך צום הייזעל. אָסקאַר עפענט רוהיג דאָס ביכעל, פאַרשווינט אין דער טיף.)

צווייטער אַרויסגאַנג.

קלאַרא שפעטער וויגריטש:

קלאַרא: (אליין) אַ זעלטענער צופאַל — טרעפען אַ נישט באַקאַנטען מענטש, רעדען מיט אים אַזוי לאַנג, און זיך נאָך גאָר באַרגען אַ בוך — אַ זעלטענער צופאַל. — (נאָך אַ ווײַלע) כ'האָב נאָך נישט געהערט עמיצען אַזוי שיין לייענען, ווי ער! ווי ליב, ער איז! די טיפע קנייטשען אויפ'ן שטערען, און נעבען אים די צוויי בלויע שיינע אויגען, אָפטמאָל דרייסטע מיט אַ ליכטיגען גלאַנץ אין זיי, און באַלד — אַזעלכע פאַרטראַכטע... ס'איז באמת. אַ מערקווירדיגער פאַקט! (פאַרטראַכט זיך)

וויגריטש: (אַ הויכער, אַ דאַרער, אין אַ לאַנגען אָבגעטראָגענעם פאַלטען, אַ היטעל מיט אַ קריינדעל, דאָס פנים געל, אַ ביינערדיגס, אַ זויער אויסזעהען — קומט אַן פון הויפּט-אַריינגאַנג, דערנעהנטערט זיך צו איר) קלאַרא!

קלאַרא: (ווי פון שלאָף) אַ, דאָס ביזט דו פּאַטער.

וויגריטש: וואָס האָסטו אַזוי איבערגעשראָקען זיך, מיין קינד. פון וואָס האָסטו יעצט אַזוי געטראַכט?...

קלאַרא: (נערוועז) כ'האָב געטראַכט — געטראַכט — וועגען די בלומען, וואָס בליהען אַזוי שיין פאַר אונזער הויז, אַז זיי געבען אים ס'אויסזעהען ווי געמאָלט, און ציהען אַזש אויף-זיך די אויפמערקזאַמקייט. מיט אַ מיניט צוריק, האָב איך לאַנג גערעדט מיט'ן סעקרעטאַר פונ'ם פירשט, ה' פזשיעמסקי, וועלכער האָט אויך זעהר געריהמט אונזער ווינקעל.

וויגריטש: (זויער) האָט דער פירשט צוריקגעקעהרט זיך אַ היים?

קלאַ־אַ: יאָ, ר'איז צוריקגעקומען. קענסט אים, פאָטער?

וויגריטש: כ'האָב אים איינמאָל געזעהען — נאָר גאַנץ לאַנג שוין. זייט אַ פאָר יאָר האָט ער נישט אַהערגעוויזען זיך. ער איז אַזוי רייך, האָט אַזאַ גרויסען נאָמען, אַז ווען ר'וואָלט געווען צווישען אונז, אַריינגעגאַנגען אין אונזער לאַגע, געקענט באַקענט די מענטשען און זייער שטייגער לעבען — וואָלט זיין יעדעס אַרויסגערעדטע וואָרט געקענט זיין פאַר אונז אַן'אויפקלערונג, אַ וועג-ווייזער, יעדע רגע אַ ברכה פאַר אונז. דער פירשט האָט אָבער ליב, אַרומצוהוליען אויף דער גרויסער וועלט...

קלאַרא: פאָטער, כ'רעכען מיר דאַרפען נישט אַרויסטראָגען שלעכטע מיינונגען אויף מענטשען, וואָס זענען אַזוי ווייט, פון אונז... אינגאַנצען, אַנדערע...

וויגריטש: וואָס הייסט, אַנדערע? ווי אַזוי זענען זיי, אַנדערע?... מיט וואָס זענען זיי, אַנדערע? (העכער) אַלע מענטשען טוט איין גאָט באַשאַפען, און איין מאַמע-ערד טראָגט זיי אין איר שויס: אַלע זינדיגען, ליידען און מוזען — שטאַרבען; און דאָס איז גלייכקייט... אַלע גלייך... שטאַרבען — ווערט אַרויסגעגעבען אַ פסק דין, אויפ'ן קייזער, ווי דעם ציגיינער — און זיי מוזען ביידע הערען דעם באַפויל. צי דער מענטש הערט גאָט'ס וואָרט, דינט זיינע נאָהענטע און העלפט בויען יעדע שיינע זאַך אָדער, ער טוט גאָר־נישט... ר'קען זיין אַ גאַנץ זינדיגער מענטש, נאָר ר'איז דאָך עפּעס ווערט. דער מיט'ן פרומען יראת־שמים פנימ'ל, קען אָבער דריי צוברָאכענע גראָשענס נישט ווערט זיין. איבריגענס... (קושט זי הארציג אין שטערען) דו מיין קינד ביזט נאָך צו יונג, און פאַרשטייסט דאַריבער נאָך נישט מיינע ווערטער. — די זון איז שוין פאַרגאַנגען, און באַלד וועלען אויפ'ן הימעל די שטערען באַווייזען זיך — כ'פיהל מיך עפּיס היינטיגען אָוועט מעהר ווי שטענדיג: קראַנק און דערשלאָגען. (רופט אויס) אָט, טרויריג אויף די ערד, פינצטער אויפ'ן הימעל, סודות'דיג און נעפעלדיג אין דער לופט... ס'פעהלט יעדען און איבעראַל, אַ סך צו גוט'ס. (גייט אָב הוסטענדיג אינ'ם הייזעל אריין.)

דריטער אַרויסגאַנג.

קלאַרא — אָסקאַר.

אָסקאַר: (וואָס האָט באַוויזען זיך אַ מיניט צופריהער אין הינטערגרונט — גייט שטיל

אריין דורכ'ן טירעל, וואס איז צווישן די שטאכיטען.)

אסקאר: (מיט א שמייכעל) אט, בין איך שוין ווייטער דא.

קלארא: (פארוואונדערט) ווי אזוי זענט איר אריין?

אסקאר: אויפ'ן אלגעמיינעם וועג — דורכ'ן טירעל. פארבאגייענדיג פאר'ן גארטען, האב איך אייך בעמערקט אויפ'ן גאנעק. מיט וועמען האט איר גערעדט?

קלארא: דאס איז מיין פאטער געווען, ר'פיהלט זיך אבער זעהר שוואך..

אסקאר: וואס איז אים, אייער פאטער?

קלארא: ר'איז הארץ-ליידענדיג.

אסקאר: דאס איז, טרויריג. (נאך א ווײלע) ווייל איר האט ליב בלומען, טראג איך יעצט זיי אייך אונטער. (גיט איר א בוקעט)

קלארא: (מיט פרייד) זיי זענען פון פירשט'ס גארטען?... ער וואלט א ודאי געבייזערט זיך, וויסענדיג אז איר האט פאר מיר אבגעריסען די בלומען.

אסקאר: און יעצט לאמיר אינגאנצען פארגעסען, אין אלע שטוביגע דאגות און גלאט נארישע זארג; פון אלץ: וואס איז קליין, בייסט און טוט וויי; לא'מיר אוועקלאזען זיך, אין א בעסער־ע שיינערע וועלט — — — כ'האב אויסגעזוכט אין מיין ביבליאטעק א בוך פאר אייך, וועט איר דערלויבען כ'זאל פוירלייענען?

קלארא: (שטיל) ס'הייבט אן שוין פינצטער צו ווערען. — (זעצט זיך אויף די באנק, אסקאר נעבען איר)

אסקאר: אך, לייענען קען מען נאך גאנץ גוט. (לייענט)

ס'איז דא אזא מיניט, ווען ס'דארף זיך ד'לבנה ווייזען,
ווען אלע סאלאוויען זענען שטיל אנטשוויגען,
און ס'הענגען אלע בלעטער אן א שארך און מורמעל,
און שטילער עטעמען די קוואלען אין די גראזען.
אין רגע'ס, אך, אזעלכע — פלאקערען צוויי הערצער,
און דארפען זיי פארגעבען — וועלען זיי פארגעבען,
און אויב פארגעסען עפעס — וועלען זיי פארגעסען.
די סאלאוויען זיפצען, ס'פלייצען די פאנטאנען,
דערציילען מיר פון איר, און איך דאס הארץ צועפען,
און פאר א שנעלען טויט — טו איך מיט יאוש תפילה.

יודיש: דניאל.

(ווארפט א בליק אויף קלארא'ן, בא וועלכע טרערען שטייען אין די אויגען) ווי פיינפיהלענדיג איר זענט...

קלארא: (וויל אויפשטייען) כ'וועל שוין א היימגייען —

אסקאר: כ'בעט אייך, גייט נאך נישט. כ'בעט אייך שטארק.

קלארא: (שטיל) ס'איז שפעט — ס'ווערט שוין פינצטער. (אונטער די ביינע הערט מען שפילען אויף א פארטעפיאנא) וואס איז דאס? ווער שפילט, אין פאלאץ?...

אסקאר: דער פירשט. ער איז א גרויסער ליבהאבער פון מוזיק, און גאנץ אפט שפילען מיר ביידע צוזאמען. איך שפיל אויף ווי'אלינטשעל. איר האט פריילין, ליב צו הערען מוזיק?

קלארא: כ'קען נישט קיינמאל זי הערען, אהן אויפרעגונג.

אסקאר: איר הערט אפט, מוזיק?

קלארא: זייט מיין מאמעס טויט, וועלכע פלעגט יעדען אויפדערנאכט שפילען פאר מיין פאטער, האב איך צוויי מאל געהערט מוזיק.

אסקאר: צי איז'ס מעגליך! אין פיר יאר נישט מעהר ווי צוויי מאל, צו הערען מוזיק...

קלארא: נו איז וואס, אז כ'האב נישט דאס פארגעניגען —

אסקאר: גערעכט — וואס מאכט-אויס, נישט צו האבען פארגעניגען אינ'ם לעבען, איבערהויפט אין אייערע יארען...

קלארא: אמת, כ'בין שוין פון לאנג א דערוואקסען מיידעל.

אסקאר: צי ווייסט איר פריילין, ווער ס'איז געווען היינע?

קלארא: כ'ווייס. א דייטשער דיכטער. — כ'האב דאך געלערענט אין א שול, נישט גענדיגט זי, ווייל נאך מיין מאמע'ס טויט בין איך באלד נויטיג געווארען אין די שטיב, מיין פאטער, און דער גאנצער פאמיליע...

אסקאר: אבי פאר זיי צו-זיין, א מלאך פון טרייסט און הילף. — (צוגעבענדיג) גראד איז מיר יעצט געקומען אויפ'ן געדאנק, א ליד פון היינריך היינע, וועלכעס כ'וואלט גערן אייך פוירגעלייענט: (דעקלאמירט)

דו ביזט אזוי ווי א בלום,
אזוי שיין, און ריין, ווי א פליטער,
ווען ס'פאלט מיין בליק אויף דיר —
נעמט-דורך מיין הארץ א ציטער.
און ס'הייבט זיך צום הימעל מיין האנט
מיט א תפילה א הייסער צוגליטער:
אז ס'זאל אזוי שיין דיך דערהאלטען,
גאט, דער הימלישער היטער...

יודיש: דניאל.

שווייגען.

(די מוזיק הערט נישט אויף)

קלארא: (מיט א ציטריג קול) ס'איז שוין אין דער אמת'ען, שפעט. (שטייט אויף)

אסקאר: (שטיל) א שטערן פאלט.

קלארא: אין חודש אויגוסט שטענדיג פאלען א סך שטערן, פונ'ם הימעל. מ'דערציילט, אז ווען עס האלט אין פליהען א שטערן, ביז ער פארלעשט זיך — אין די מיניט קען אויך יעדער ארויסזאגען זיין הארצען-באגעהר, און ער ווערט אויך דערפילט.

אסקאר: און וואס וואלט איר אייך, געווינשען?

קלארא: ווען כ'וואלט געגלויבט, אז פאלענדיגע שטערן דערפילען

מענטשליכע פאַרלאַנגען, וואָלט איך זיי געבעטען: זאָל מיין פאָטער געזונט ווערען, די קינדער גוט לערנען זיך און איידעל אויסוואַקסען...

אָסקאַר: און פאַר זיך, אַליין?

קלאַראַ: וואָס הייסט?... דאָס געבעט וואָלט דאָך געווען, וואָס כ'וויל ס'זאָל מקוים ווערען — מיין בקשה וואָלט דערפילט געווארען.

אָסקאַר: (מיט אַ שמייכעל) אַ געוואַלדיגע אייגען-ליבע. — (צו איר) אָבער, צי וואָלט איר נישט געוואָלט, ליב פריילין, אַז דאָס גאָלדענע שטערענדעל זאָל אייך צושיקען אַזאַ גרויס גליק, וואָס זאָל אינגאַנצען אייך איבערביי—ען אין אַ ליכטיגען שטערען און איר זאָלט שוועבען העכער, איבער אַלץ וואָס געפינט זיך אויף דער ערד.

קלאַראַ: (פאַרשטיקט די אויפרעגונג) אויב כ'וואָלט שוין דוקא עפּיס געמוזט בעטען פאַר זיך, איז: כ'זאָל דעם זומער אַרויסשפּאַצירען אונטער די שטאָט און אַ האַלבען טאג פאַרברענגען אין וואלד... אָך, כ'האָב זעהר שטאַרק ליב דעם וואלד! (צו אים) און איר, וואָס וואָלט אייך געווינשען?

אָסקאַר: איך?... כ'וואָלט געבעטען, אויב ס'זענען נאָך דאָ אויף דער ערד הערצער ריינע, גוטע, געטרייע — זאָל איינס אַזעלכעס צו מיר געהערען. כ'וואָלט אויסגערופען: „ליכטיג שטערענדעל, לאָ'מיך פאַרגעסען אָן די שרעקליכע חלומות, וועלכע כ'האָב אַזויפיל געזעהען אין מיין לעבען.“ — (נאָך אַ היילע, פריילין) צי ווייסט איר פריילין, אַז אין דער קורצער צייט וואָס מיר האָבעןביידע צוזאַמען פאַרטריבען, האָב איך שוין אָבגעלערענט אַ סך פון אייך.

קלאַראַ: איר?... פון מיר?!... גאָט מיינער! וואָס קען איך אַ צווייטען לערענען? דאַכט-זיך, נישט מעהר ווי מיין ברידער האָב איך אויסגעלערענט לייענען און שרייבען.

אָסקאַר: וואָס איר האָט מיך אויסגעלערענט, אפשר וועל איך שפּעטער אייך דערקלערען. יעצט קען איך נאָר זאָגען, אַ דאַנק אייך ליב פריילין, האָב איך איינגעזעהען אַז אויך אונזער ליטעראַטור איז שיין; ס'גרעסטע טייל פון מיין לעבען האָב איך פאַרברענגט אין אויסלאַנד, אין ליטעראַרישע קרייזען. סלאָוואַצקי'ס פּאָעמאַ: „אין דער שווייץ“, האָב איך ערשט היינט באַקענט — ער האָט מיך אַנציקט... (חזר'ט איבער ווי פאַר זיך)

אין רגע'ס, אך, אזעלכע — פלאקערן צוויי הערצער,
און דארפען זיי פארגעבען עפעס—וועלען זיי פארגעבען,
און אויב פארגעסען עפעס — וועלען זיי פארגעסען.

(פונ'ם הייזעל דערהערט זיך, אַ קול: „קלאַרטשע! קלאַרטשע!“)

קלאַראַ: (ווי אויפגעחאַפּט פון שלאָף) אַ גוטע נאַכט אייך, מיין הער.

אָסקאַר: ווען ווערט איר פריי, פון אייער שטיב-ארבעט?

קלאַראַ: באלד. מיין ברידער און שוועסטער גייען באַצייטענז שלאָפען.

אָסקאַר: ווען זיי וועלען איינשלאָפען, קומט אַרויס אינ'ם גאָרטען — וועט איר הערען מוזיק — וואָס איך און מיין פריינט וועלען שפּילען פאַר אייך. גוט?

קלאַראַ: גוט. אַ דאַנק. — אַ גוטע נאַכט.

אָסקאַר: (נעמט אָן אירע ביידע הענט, קוקט אויף איר) ...שפּילענדיג וועט מיר אַלץ אויסדאַכטען, אַז איר שטייט וואו פאַרבאָרגען, נעבען די שנאַכייטען און הערט מיין מוזיק: אַזוי אַרום, וועלען אונזערע ביידע נשמות צוזאַמען זיין... (טראָגט אונטער מיט אַ שנעלער באַוועגונג אירע הענט צום מויל, גיט אין זיי אַ קוש, גייט פּאַמעליך אָב)

פערטער ארויסגאנג:

קלאַראַ (אַליין).

קלאַראַ: (חזר'ט איבער ווי פאַר זיך) „אַזוי אַרום, וועלען אונזערע ביידע נשמות צוזאַמען זיין“... אָ, גאָט מיינער! וואָס קומט היינט מיט מיר פאָר? כ'פיהל מיך עפּיס אַזוי גליקליך! מיין האַרץ איז פאַרטרינקען אין אַ ים פון פרייד, פון וועלכער כ'האָב גאָר קיינמאָל ביז יעצט נישט געפיהלט. (חזר'ט איבער) „איך און מיין פריינט, וועלען שפּילען פאַר אייך...“ פאַר מיר — פאַר מיר, וועלען זיי שפּילען. — (חזר'ט איבער)

און ס'הייבט זיך צום הימעל מיין האנט,
מיט א תפילה א הייסער צוגליטער:
אז ס'זאל אזוי שיין דיך דערהאלטען,
גאט, דער הימלישער היטער.

פינעפטער ארויסגאנג.

קלאַראַ — וויגריטש — און דודקעוויטש.

(וויגריטש און דודקעוויטש גייען אַרויס פונ'ם הייזעל. דודקעוויטש אַ קליינע, אַ דיקע, אָנגעטוען אין שוואַרצען, די האָר גרויע, אויפ'ן קאָפּ אַ שוואַרץ שפּיצען-טיכעל)

דודקעוויטש: (אַרויסגייענדיג) זייט געזונט, ליבער טעאָפיל. אַ גוטע נאַכט. אַ גוטע נאַכט.

קלאַראַ: (לויפט-צו צו איר) אָך, דאָס זענט איר, פראַו דודקעוויטש. כ'האָב גאָר אפילו נישט געוויסט, אַז איר זענט געווען באַ אונז.

דודקעוויטש: כ'בין נאר אויף אַ מינוט אַרויסגעגאַנגען, דיך בעטען: דו זאָלסט דורכאויס צו מיר אַריינקומען מאָרגען אין דערפריה, וועלען מיר, גייען קויפען אַ פּאָר שיך; אָהן דיר וועל איך נישט קויפען ווייל שטענדיג נאַרען זיי מיך אָב...

קלאַראַ: גוט, כ'וועל קומען.

דודקעוויטש: זייט מיר געזונט. — (פון אונטער די קוליסען הערט מען מוזיק, פּיאַנינאָ און אַ וויאָלינטשעל) איר הערט, חאָטש?

ווי‎גריטש: עמיצער שפּילט אויף אַ וויאָלינטשעל און אַ פּיאַנינאָ. אַ שיינע מעלאָדיע.

דודקעוויטש: כ'האָב שוין לאַנג נישט געהערט אַזאַ מוזיק. — (צו איר) כ'בעט דיך, קלאַרטשע, דו זאָלסט נאָר ביז מאָרגען נישט פאַרגעסן, וועגען מיינע שיך...

וויגריטש: (פּאַרטראַכטערהייט, זאָגט מיט האַרץ צו קלאַראַ) דיין מאַמע, פלעגט אויך אַזוי שיין שפּילן — — — געדענקסט?

קלאַראַ: (שטיל) כ'געדענק, פאָטער.

וויגריטש: אָ, כ'האב נאָך אינ'ם לעבען גוטע זכרונות, טייערע זכרונות. (העכער) און אויף יענער וועלט האָב איך מיין ליבסטע, מיט וועלכע כ'וואָלט ווי אַמשנעלסטען שוין געוואָלט מיך צוזאַמענ-טרעפען, ווען נישט די קינדער... (דריקט צו זיך קלאַראַ) נאָר זי האָט מיר אייך איבערגעלאָזען און ווייטער איז דער מענטש צוגעבינדען צו די ערד...

קלאַראַ: פאָטער-לעבען, וואָס רעדסטו! דו מוזט נאָך געזונט ווערען —

וויגריטש: (רעדט ווייטער) אָט, זענען דאָ אויף די ערד פאעמען פון אַזעלכע שטילע-צוריסענע-לעבענס און אַזעלכע זכרונות. ווי קליין זענען די, וואָס פאַרשטייען זיי נישט און זענען נישט מסוגל זיי אָבצושאַצען.

דודקעוויטש: נו — יעצט גיי איך שוין. אַ גוטע נאַכט, מיין ליבער טעאָפיל. אַ גוטע נאַכט, — (צו איר) און דו קלאַרטשע, ווי נאָר דו וועסט אַוועקשיקען דעם ברידער אין שול אַריין, חאַפּ דיך באַלד צו מיר אַריבער. (ווי זי וואָלט זיך עפּיס דערמאָנט, זאָגט שטילער) נאָר, נאָר — כ'וועל דיר מאָרגען געבען שול-געלט פאַר סטאַש'ן — ס'איז שוין צייט צו באַצאלען... נו, זייט מיר געזונט! (אַרויסגייענדיג) אָבער, פאַרגעס נישט וועגען מיינע שיך. איך קען דאָך נישט באָרוויס גייען.

(מ'הערט שפּילען בלויז די פּיאַנינאָ)

וויגריטש; (דרייט זיך אויס צו די טיר) און די גייסט נישט, מיט מיר?

קלאַראַ: כ'וועל נאָך דאָ אַ ביסעל פאַרבלייבען.

וויגריטש: פאַרגעס נישט, די טיר צוצומאַכען... (גייט אָב, אין הייזעל אַריין)

זעקסטער אַרויסגאַנג.

קלאַראַ שפּעטער אָסקאַר. בענעדיקט און וויגריטש.

קלאַראַ: (קוקט אַרום זיך, צי ער איז שוין נישטאָ — זי גייט מיט פּאַמעליכע טריט צו די צוים, לעהנט אָן זיך אין אים, און קוקט מיט אַ פאַר'חלומ'טען בליק אין די זייט פונ'ם פּאַלאַץ; אין דערזעלבער מינוט באַווייזט זיך אָסקאַר) אַ, דאָס זענט איר...

אָסקאַר: (אָנעמענדיג איר האַנט, זאָגט שטיל) כ'האָב געמוזט, אייך נאָך היינט זעהען. שפּילענדיג, האָב איך אַלץ אין זין געהאַט: „כ'וועל גייען צו איר!" כ'האָב אויפגעהערט שפּילען און בין אַהערגעקומען. אים אָבער, האָב איך באַפוילען: „שפּיל ווייטער, אָהן אויפ-

הער, אָהן אַ סוף" — — — כ'האָב געוואָלט מיט דיר רעדען, אונטער די אַקאָרדען פון מוזיק... צי איז גוט — האָס כ'בין געקומען? כ'האָב געמוזט דיך זעהען, און געזעגענען מיט דיר אויף אַ גאַנצען טאָג. מיין פעטער קומט באַלד צופאָהרען, און וועט מיך מיטנעמען צו-זיך אויפ'ן מאָרגענדיגען טאָג. צי האָב איך גוט געטוען, וואָס כ'בין יעצט אויף אַ ווײַלע געקומען צו דיר?

קלאַראַ: גוט.

אָסקאַר: ... וואַרט, וועל איך אַריינגייען אין אייער גאָרטען — מיר וועלען ביידע אַוועקזעצען זיך — גוט?

קלאַראַ: (מיט געבעט) ... ניין. בעט מיך נישט — אָ, בעט מיך נישט דערוועגען כ'וועל גייען אַ היים... (וויל גייען)

אָסקאַר: (שלעפּט זי צו זיך) גיי נישט! פאַרבלייב! כ'דאַנק דיר, וואָס דו ביזט נישט אַוועק פון מיר — זאָל פאַרשווינדען די וואַנט, וואָס שטייט צווישען אונז! — (ליבליך) אָבער, בייג נישט אַוועק דאָס קעפעל — דערנעהנטער דיך. לייג אַנידער — אַזוי... (קלאַראַ לייגט אַנידער איר קאָפּ אויף זיין ברוסט) אָ, מיין טייערע! דו ליבסט מיך?

קלאַראַ: כ'ליב דיך —

שווייגען.

בענעדיקט: (קומט אַריין, דערזעהענדיג אָסקאַר'ן, זאָגט ער גאַנץ אונטערטעניג) גרויסער פירשט...

אָסקאַר: (מיט כעס) וואָס איז?

בענעדיקט: גרויסער רייכער פירשט, דער פעטער איז געקומען, און ר'האָט באַפוילען: אייך אויפצוזיכען. גרויסער רייכער...

אָסקאַר, (גראָב) אַרויס! — (צו קלאַראַ'ן, וועלכע שטייט ווי פאַרשטיינערט) ס'האָט אַלץ אַרויסגעוויזען זיך, אָבער בייזער דיך נישט אויף מיר — כ'האָב עס געטוען פון מורא — דו זאָלסט...

קלאַראַ; (שלאָגט אים איבער, ווי אינ'ם שגעון) זענט איר — דער פירשט! איר זענט — דער פירשט?!...

אָסקאַר: נו, יאָ. — (חיטרע) אָבער, וואָס מאַכט עס אויס? צי דאַריבער?

קלאַראַ: (ווי פריהער) איר זענט — דער פירשט?!!... (ווי זי וואָלט אַלץ פאַר-שטאַנען — לויפט זי אַוועק פון די צוים, חאַפּט אָן מיט די הענט פאַר'ן קאָפּ — און אין שרעק לויפט זי צו דער טיר פונ'ם הייזעל, שרייט ווי משוגע) פאָטער — פאָטער — פאָטער —

וויגריטש: (באַווייזט זיך אין טיר) וואָס איז? וואָס איז, געשעהען...

קלאַראַ: (וואַרפט זיך צו זיינע פיס) פאָטער — לאָ'מיר אַנטלויפען, פון דאַנען. לאָ'מיר אַנטלויפען, ווי אַמשנעלסטען — היינט נאָך — היינט נאָך. — כ'דאַרף שוין דאָ מעהר נישט פאַרבלייבען... איך קען נישט!

פוירהאַנג פאַלט.

אויסשליסליכער פאַרקויף:
קאָאָפּעראַטיוו „ביכער"
וואַרשע, נאַלעווקי 2
טעלעפאָנען 251-75, 210-71
פאָסט · טשעק · קאָנטאָ: 13.196

PIEŚŃ PRZERWANA

Obrazek sceniczny w jednym akcie

przez

Elizę Orzeszkową i Zygmunta Przybylskiego

Tłumaczył: M. FRANKENTAL

WYDANIE TRZECIE

Wydawnictwo: Di Teater - Welt
Łódź, Południowa 32/4.

צענטראל
פון דיבאפרייטע יידן א
קולטור

Druk „Kultura" Łódź.